**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/22/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 12.3 מיליאן דאלער פאר האָומלעס האוזינג אין דעם קאפיטאל ראיאן און מערב ניו יארק

### *היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם געלטער וועלן שאפן אדער פרעזערווירן 155 אונטערהאלט דירות*

### *25 מיליאן דאלער פאר 8 פראיעקטן פריער אלאקירט דעם יאר*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 12.3 מיליאן דאלער איז אויסגעטיילט געווארן צו בויען האוזינג פאר ניו יארקער וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט אין רענעסעלער, סקענעקטעדי, און טשאטאקווא קאונטיס. די פראיעקטן, פינאנצירט דורך דעם סטעיט׳ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, וועלן שאפן אדער פרעזערווירן 134 דירות פון פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג, 14 דירות פון טראנזיציאנעלע האוזינג, און זיבן דירות פון עמערדזשענסי האוזינג.

"דאס פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע האוזינג איז א פונדאמענטאלע נויט אין דעם קאמף קעגן היימלאזיגקייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היימלאזע פרויען און קינדער, אפטמאל אנטלויפנדיג אומשטענדן פון אביוז אדער דאָמעסטיק ווייאָלענס, זענען פון אונזער סטעיט׳ס מערסט אומבאשיצטע טיילן פון דער באפעלקערונג. די פראיעקטן פארטרעטן א באדייטנע אינוועסטירונג צו פארזיכערן נישט נאר אז זיי האבן א זיכער און פארלעסליכע פלאץ אנצורופן זייער היים, נאר אויך אז זיי האבן די רעסאָרסן זיי דארפן אויף זיך אנצוהויבן בויען א בעסערע לעבן."

איינע פון די פראיעקטן וואס באקומען פאָנדינג איז האַרבאָר האָוס, א 19.5 מיליאן דאלערדיגע דעוועלאפמענט דורך דער YWCA פון נארט-איסט ניו יארק אין סקענעקטעדי וואס וועט שאפן 54 דירות און 62 בעטן פון פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג פאר פרויען און זייערע פאמיליעס. די פלענער רופן פאר נייע קאנסטרוקציע פון א דריי-שטאקיגע געביידע אויף דער YWCA׳ס קאמפוס אין דער סטאקעיד דיסטריקט וואס וועט זיין הארט נעבן די YWCA׳ס הויפט אדמיניסטראטיווע בנין, ערמעגליכן דערמיט פאר טענאנטס צו האבן גרינגע צוטריט צו שטאב און סערוויסעס. איבער 5.6 מיליאן דאלער איז צוגעטיילט געווארן צו דער YWCA פאר קאנסטרוקציע פון דעם פראיעקט און אפעראציע אויסגאבן וועלן קומען דורך דער עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג איניציאטיוו.

דער YWCA פון דער גרעיטער קאפיטאל ראיאן באקומט איבער 2.8 מיליאן דאלער פאר די באדייטנדע רעהאביליטירונג פון אן עקזיסטירנדע אונטערהאלט האוזינג אנטוויקלונג אין די שטאט טראוי. דער 3.1 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועט פרעזערווירן 80 יוניטס פון פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג און 14 יוניטס פון טראנזיציאנעלע האוזינג פאר פרויען און קינדער.

די סאַלוועישען אַרמי אין דזשעימסטאון באקומט 3.8 מיליאן דאלער איבערצוציען אן עקזיסטירנדע עמערדזשענסי שעלטער וואס אנטהאלט קאנסטרוקציע פון א נייע צוויי-שטאקיגע געביידע מיט זיבן

יוניטס און 19 בעטן. דער 4.8 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועט זיין איינשטימיג מיט די אמעריקאנע מיט אומפעאיגקייטן אקט, שאפנדיג זעקס נאך בעטן און ערמעגליכן פאר סערוויסעס שטאב צו האבן אפיסעס אין דעם זעלבן בנין.

"די פינאנצירונג וועט האבן א ריזיגע ווירקונג אויף די קאמיוניטיס און זייערע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט," **האט געזאגט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער בארבארא סי. גווין.** "גאווערנער האקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון עמערדזשענסי, טראנזיציאנעלע, און פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג אין דאס העלפן די נויטבאדערפטיגע זיך קענען צוריק שטעלן אויף די אייגענע פיס."

"איך דאנק גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען און שטיצע צו העלפן די וועלכע זענען היימלאז אין טשאטאקווא קאונטי," **האט געזאגט טשאטאקווא קאונטי עקזעקיוטיוו פי. דזשעי. ווענדעל.** "איך בין שטאלץ פון די קאמבינירטע באמיאונגען צווישן די קאונטי און פריוואטע צוזאמענארבעטער צו פארברייטערן סאושעל סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער. די פינאנצירונג וועט ווייטער שטיצן די סאַלוועישען אַרמי פון דזשעימסטאון אין דער צייט וואס עס העלפט יחידים אין אונזערע קאמיוניטיס זיך צו שאפן עמערדזשענסי שעלטער ביז זיי קענען דורכגיין די טראנזיציע צו זיכערע און סטאבילע האוזינג."

דאס זיין צו באקומען זיכערע און צוגענגליכע האוזינג קען זיין א לעבנס-רעטנדע אפציע פאר אומבאשיצטע יחידים און פאמיליעס אין קריזיס," **האט געזאגט טראוי מעיאר פעטריק מעדען.** "די פאַנדינג איז קריטיש וויכטיג אויף צו פרעזערווירן העכסט-נויטיגע אונטערהאלט האוזינג אין אונזער קאמיוניטי צו ברענגען סטאביליטעט פאר די אין נויט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר די סטעיט׳ס שטיצע און צו די YWCA פון דער גרעיטער קאפיטאל ראיאן פאר איר פירערשאפט אויף די וויכטיגע פראיעקט."

"אדרעסירן די נושאים פון היימלאזיגקייט איז געווען א הויפט פריאריטעט פאר אונזער אדמיניסטראציע," **האט געזאגט דזשעימסטאון מעיאר עדי סונדקוויסט.** "דער ANEW צענטער האט א לאנג-יעריגע היסטאריע פון צושטעלן עמערדזשענסי שעלטער פאר טויזנטער פרויען און זייערע קינדער דורכצומאכן די טראנזיציע פון א רעדל פון אביוז צו זיכערע און סטאבילע האוזינג. די פארגעשלאגענע איינריכטונג וועט געבן פארלעסליכע האוזינג צו אונזערע קאמיוניטי׳ס אומבאשיצטע געליטענע פון דאָמעסטיק ווייאָלענס. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר פארזיכערן אז אונזערע פרויען און קינדער האבן א זיכערע און אונטערהאלטנדע פלאץ אויף איינצושטיין."

"איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין מאכן דער קריטישע אינוועסטירונג צו העכערן צוטריט צו זיכערע און צוגענגליכע האוזינג פאר פרויען און זייערע פאמיליעס אין סקענעקטעדי," **האט געזאגט סקענעקטעדי מעיאר געריי מעקארטי.** "דער YWCA איז א שיינטורעם פון זיכערהייט פאר אונזערע מערסטע אומבאשיצטע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי, און מיר זענען אויסערגעווענליך דאנקבאר צו גאווערנער האקול און די סטעיט׳ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם פאר זייער קריטיש-וויכטיגע שטיצע צו דער אויפגאבע."

"YWCA נארט-איסטערן NY איז דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט פאר פינאנצירן אונזער פארברייטערונג פראיעקט, האַרבאַר האָוּס, צו געבן האפענונג, האוזינג, און העכסט-נויטיגע סערוויסעס צו פרויען און זייערע פאמיליעס אין א זיכערע, זעלבסט-עהרעדיגעער ארט לענגאויס דער מאָוהאָוק טייך אין סקענעקטעדי," **האט געזאגט YWCA פון נארט-איסטערן ניו יארק סי-אי-או קים סיסיליאַנאָ.** "דער דריי-פלוס יאריגע רייזע האט נישט נאר פארשטערקערט דאס איינזעהעניש אויף וויפיל נאך אונטערהאלט האוזינג נויטיגט זיך אין אונזער קאמיוניטי. מיר קוקן ארויס צו זעהן דעם פראיעקט

אונטערוועגנס, וועלכס וועט ווייטער פארשטערקערן YWCA NENY׳ס 133 יעריגער היסטאריע אין אונזער קאמיוניטיס באפולמעכטיגן אלע פרויען מיט צוגענגליכע האוזינג אפציעס."

"די פינאנצירונג וועט אונז ערמעגליכן צו מאכן הויפט קאפיטאל פארבעסערונגען צו אונזער היסטארישע געביידע, פארזיכערנדיג דערמיט די זיכערהייט און סעקיוריטי פון אונזערע איינוואוינער און שטאב פאר נאך א יארהונדערט," **האט געזאגט YWCA פון דער גרעיטער קאפיטאל ראיאן עקזעקיוטיוו דירעקטאר סטארלעטא סמיט.** "מיר זענען באגייסטערט אנצוהויבן די נויטיגע אפדעיטס וואס וועלן אונז האלטן אויף אונזער מיסיע צו סערווירן פרויען און קינדער אין אונזער קאמיוניטי."

"מיר זענען אויסערגעווענליך דאנקבאר פאר דער אויסטיילונג ווייל עס איז אונזער מיסיע צו טוהן ׳די מערסטע גוטסקייט׳", **האט געזאגט מעידשאר דזשאן מערטשענט, באפעל-אפיציר פון די ׳סאַלוועישען אַרמיי׳ פון דזשעימסטאון.** "מיר זענען איבערגעגעבן צו סערווירן אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער, איבערהויפט די מערסטע אומבאשיצטע צווישן אונז."

דער היימלאז האוזינג און הילף פראגראם, אדמיניסטרירט דורך דער סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, האט אוועקגעשטעלט 128 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פינאנצירונג פאר פראיעקטן וואס טראגן אן צו בויען אונטערהאלטנדע דירות אדער פארריכטן עמערדזשענסי שעלטערס. ביז אהער היי-יאר האט דער פראגראם שוין אלאקירט קרוב צו 25 מיליאן דאלער פאר אכט פראיעקטן וועלכע וועלן שאפן אדער פרעזערווירן 213 דירות פון אונטערשטיצנדע האוזינג און פארריכטן עמערדזשענסי שעלטערס לענגאויס דעם סטעיט. פאראיאר האט דער פראגראם צוגעשטעלט געלטער פאר 30 פראיעקטן וואס וועלן צוגעבן 881 אונטערשטיצנדע האוזינג דירות און פארריכטן עמערדזשענסי שוץ-ערטער.

דער היימלאז האוזינג און הילף פראגראם שטעלט צו קאפיטאל סובווענצן און הלוואות פאר וואוילטעטיגע און רעליגיעזע ארגאניזאציעס און מוניציפאליטעטן צו קענען איינקויפען, בויען, אדער איבערמאכן האוזינג פאר מענטשן וואס קענען זיך נישט אליין ערלעדיגן זיכערע און נייטיגע וואוינונגען אן ספעציעלע הילף. די גרענטס ווערן געגעבן דורך א פארמעסט פראצעס דורך דעם ניו יארק סטעיט היימלאז האוזינג און הילף קארפארעישען, א פובליק וואוילטעטיגע ארגאניזאציע מיט ארבעטער צוגעשטעלט דורך או-טי-די-עי.

דורך דעם פראגראם האט ניו יארק סטעיט באשטימט מער ווי 1.2 ביליאן דאלער פאר דאס אנטוויקלען פון אונטערשטיצנדע האוזינג. אין סך הכל האט דער פראגראם געשאפן מער ווי 22,000 דירות אויף צו שטיצן מענטשן און פאמיליעס וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418